# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת נח | 353

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### שומע תפילת צדיקי ישראל ברחמים

**"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ"** (ו ט)

**רבי יוסף נחמיה קארניצער** דער קראקעווער רב זאגט:

עס זענען דא צוויי ערליי צדיקים: עס זענען דא וואס דינען דעם באשעפער מיט מידת הדין, און עס זענען דא וואס דינען דעם אייבערשטן מיט מידת הרחמים. ווען עס ווערט נגזר חלילה א גזירה אויף אידן, דער צדיק וואס פירט זיך מיט מידת החסד און רחמים קען מיט זיין דאווענען מבטל זיין די גזירה, ווייל ער טענה'ען פארן באשעפער: אויב איך, א בשר ודם, פירט זיך מיט מידת הרחמים, איז דאך זיכער אז דער באשעפער, דער מקור הרחמים, דארף זיך פירן מיט זיי מיט מידת הרחמים. דעריבער, אברהם אבינו - דער עמוד החסד, האט געקענט דאווענען אויף די זינדיגע מענטשן פון סדום. דאקעגן נח וואס האט זיך געפירט מיט מידת הדין, האט נישט געקענט דאווענען אויף די זינדיגע מענטשן פון זיין דור.

דאס איז מרומז אין אונזער פסוק: "אלה תולדות נח" - די גזירה פון די מבול איז געווען א רעזולטאט פון די אויפפירונג פון נח וואס האט נישט געדאוונט אויף זיין דור. פארוואס האט ער נישט געדאוונט? ווייל: "את האלקים" - ד.מ. מיט מדת הדין (ב"ר לג ג)] "התהלך נח" ביי עבודת ה'.

מיט דעם טייטש רבי יוסף נחמיה דעם נוסח וואס מיר בעטן ביי סליחות אין די ימים נוראים: "מלאכי רחמים משרתי עליון חלו נא פני א-ל...". אסאך וואונדערן זיך: וויאזוי ווענדן מיר זיך צו מלאכים, די חכמים זאגן קלאר (ירושלמי ברכות ט א) אז מ'טאר אזוי נישט טון? אבער לויט וואס מיר האבן פריער געזאגט איז אלעס פארענטפערט: מיטן זאגן "מלאכי רחמים" ווענדן מיר זיך נישט צו די מלאכים אין הימל, נאר מיר בעטן פון די צדיקים וואס ווען זיי האבן געלעבט האבן זיי זיך געפירט מיט מידת הרחמים, אז זיי זאלן מליץ טוב זיין אויף אונז אין הימל און דאווענען אויף אונז מיר זאלן געהאלפן ווערן פון אונזערע צרות.

'חדושי רבנו יוסף נחמיה'

### ובמושב גזול לא ישב...

**"וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס"** (ו יא)

אמאל, אין א 'תשעה באב' טאג, איז דער **'חפץ חיים'** אנגעקומען קיין קעניגסברג. ווען ער איז אריין אין שול האט ער געזען אז פאר אים איז נישטא קיין ליידיגע פלאץ, און צוליב זיין ענוה איז ער געבליבן שטיין. איינער פון די מתפללים וואס האט געוואוסט פון זיין גרויסקייט, האט זיך געאיילט ארויסגיין פון שול און ברענגען עטליכע ציגל, און זיי שיין אויסגעשטעלט, אויף זיי האט ער אויסגעשפרייט א דעק, און געוויזן פארן חפץ חיים זאל זיך זעצן אויף דעם. צו זיין איבערראשונג האט דער חפץ חיים נישט געוואלט, נאר ער איז געבליבן שטיין, ווען ער רופט זיך אן: "מ'האט דאך זיכער צוזאמגענומען די ציגל פון איבעראל, צווישן זיי איז זיכער דא א חשש גזל...".

'החפץ חיים - חייו ופועלו' ח"ג עמ' תתרפ

### 'צדיק שומר אמונים'

**"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ"** (ו ט)

דער **הרמ"ע מפאנו** (שו"ת, סי' קט) ברענגט אין נאמען פון זוהר הקדוש (ראה תיקוני זוהר יח דף קלב א) די סיבה פארוואס אידן ווערן אנגערופן: "גּוֹי צַדִּיק" (ישעיה כו ב) צוליב וואס זיי געבן אכטונג יעדן טאג זאגן די צאל פון די דברים שבקדושה וואס זענען מרומז אין די ווארט 'צדי"ק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות.

לויט דעם ערקלערט **רבי יעקב דוב מארמארשטיין** שליט"א דער פארזיצער פון 'בני אמונים' אז נח וואס ווערט אנגערופן 'איש צדיק' האט זיכער אכטונג געגעבן צו זאגן יעדן טאג די ריכטיגע צאל פון די אויבנדערמאנטע דברים שבקדושה. און טאקע אזוי, אויף צוויי פון זיי טרעפן מיר א רמז אין אונזער פסוק: "נח נח" - די ראשי תיבות איז בגימטריה מאה, א רמז אז ער האט מקפיד געווען אויף מאה ברכות. אזוי אויך: "איש צדיק" - איז ראשי תיבות צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', און אזוי ווי די ראשי תיבות פון 'צ' אמנים', א רמז אז ער האט מקפיד געווען צו זאגן צ' אמנים.

ווייל פון די אלע ציפערן פון די דברים שבקדושה, איז זאמלען ניינציג אמנים יעדן טאג פון די שווערסטע זאכן מקיים זיין, ווייל דער וואס וויל עס מקיים זיין איז אנגעהאנגען אין ברכות וואס ער הערט פון אנדערע (ראה פי' הרמ"ז לזוהר וילך רפה ב), דעריבער זאגט די תורה: "אֶת הָאֱ-לֹהִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ; "הָאֱ-לֹהִים" - איז גימטריה 'אמן', דיך צו לערנען, נח פלעגט ארום גיין און ווארטן צו קענען הערן ברכות, כדי צו קענען ענטפערן אמן.

דאס וואס נח האט מקפיד געווען צו ענטפערן אמן, קען ערקלערן פארוואס מיר זען גוים 'בני נח' וואס זענען מקפיד צו ענטפערן 'אמן' און זאגן עס ארויס אויף לשון הקודש, אזוי ווי הרמ"ד וואלי שרייבט (ירמיהו מח יח) אז דאס ענטפערן אמן פון די גוים האלט זיין אונטער, "ווייל אויב זיי וואלטן עס נישט געזאגט, וואלטן זיי נישט געקענט עקזיסטירן אפילו איין טאג".

### 'על זאת יתפלל כל חסיד'

**"אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ"** (ט יג)

אין מסכת כתובות (עז ב) ווערט געברענגט אז רבי יהושע בן לוי האט זוכה געווען אריינגיין לעבעדיג אין גן עדן, ווייל ער האט באשיצט זיין דור פון א מבול, און דעריבער א גאנץ לעבן זיינע האט הקב"ה נישט באוויזן דעם קשת אויף דער וועלט.

לויט דעם טייטש **רבי פינחס הלוי הורוויץ** בעל 'הפלאה' דעם פסוק אין תהילים (לב ו): "עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ": די תפילה פון "כל חסיד" איז גערעכטפארטיגט צו ווערן "לְעֵת מְצֹא" - "זו מיתה" (ברכות ח א). אבער "רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים" - ווער עס האט זוכה געווען עס זאל זיך נישט באווייזן די קשת אין זיינע צייטן, ווייל ער האט באשיצט זיין דור פון א מבול, וועט זוכה זיין אז דער עונש פון מיתה: "אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ", אזוי ווי רבי יהושע בן לוי וואס איז אריין לעבעדיג אין גן עדן.

'פנים יפות'

### די 'קשת' שפאלט דעם 'ענן'

**"אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ"** (ט יג)

דער 'חתם סופר' שרייבט: "קשתי - איז ראשי תיבות: קדושתי, שמי, תורתי, ימיני".

**רבי חזקיה פייבל פלויט** דער שוראנער רב איז מעיד אז זיין רבי דער 'חתם סופר' פלעגט יעדע יאר איבער'חזר'ן דעם רמז אין פרשת נח. פארטיפנדיג זיך אין די ווערטער פון זיין רבי איז אים ארויף געקומען א וואונדערליכער ערקלערונג אין די ווערטער:

די שמונה עשרה ענדיגן מיר מיט א ספעציעלע בקשה: "עֲשֵׂה לְמַעַן שְׁמֶךָ, עֲשֵׂה לְמַעַן יְמִינֶךָ, עֲשֵׂה לְמַעַן תּוֹרָתֶךָ, עֲשֵׂה לְמַעַן קְדֻשָּׁתֶךָ". די מקור פון די בקשה געפונען מיר אין מדרש וואס ווערט אראפגעברענגט אין טור (או"ח קכב): "אמר שמואל: 'כל הזריז לומר ארבעה דברים הללו זוכה ומקבל פני שכינה; 'עשה למען שמך, עשה למען ימינך, עשה למען תורתך, עשה למען קדושתך'".

די מעלה פון די בקשה קען מען ערקלערן לויט וואס עס שטייט אין גמרא (ברכות לב ב): "מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפילה", און אזוי ווי דער נביא קלאגט (איכה ג מד): "סַכּוֹתָה בֶעָנָן לָךְ מֵעֲבוֹר תְּפִלָּה". דעריבער בעטן מיר ביים ענדע דאווענען: "עשה למען שמך...", מיט דעם ווילן מיר זאגן: אויך אויב די טויערן פון תפילה זענען פארשפארט, זאלסטו נישט טון פאר אונזער וועגן, נאר פאר דיר, און מיט דעם קענען מיר עפענען די שערי שמים.

לויט דעם וועט מען גוט פארשטיין דעם רמז; אין פסוק: "אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן" איז מרומז, אז אויך אין גלות, ווען דער וואלקן פארדעקט און פארשפארט פאר אונז די טויערן פון תפילה, האט הקב"ה אונז געגעבן די סגולה 'קשת"י' - דערמאנען די פיר אויבנדערמאנטע זאכן, אלץ א סגולה אז אונזער תפילה זאל קענען שפאלטן יענעם וואלקן.

'תורת משה'; 'ליקוטי חבר בן חיים' ח"ג בהקדמה


"כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה" (ז א)



"ועמך כולם צדיקים" - זאגן ברכות מיט א חברותא און ענטפערן 'אמן'

"צוליב די הנהגה פון ענטפערן אמן ווערן די אידן אנגערופן צדיקים, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה כו ב): '...ויבא גוי צדיק שומר אמונים'".

'כד הקמח' ערך אמונה

מֵאָה בְּרָכוֹת בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בְּחַבְרוּתָא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## אדון עולם (ב')

### היה הווה ויהיה

אין די ווערטער: "וְהוּא הָיָה וְהוּא הֹוֶה וְהוּא יִהְיֶה בְּתִפְאָרָה", ברענגען מיר ארויס אונזער אמונה אז הקדוש ברוך הוא איז 'היה' - אין פארגאנגענהייט, 'הווה' - היינט צוטאג, 'ויהיה' - לעתיד לבוא, און אין אלע צייטן איז ער אין די זעלבע 'תפארה'.

למה הדבר דומה? צו א קעניג וואס האט געבויעט פאר זיך א ספעציעלע שיינע פאלאץ. ביי די ענדע פון די בויען האט ער געוואלט אויפהענגען אויף די צענטראלע וואנט א ספעציעלע בילד וואס וועט פארענדיגן די ספעציעלע אויסזען פון די פאלאץ. וועגן דעם האט ער גערופן אלע גוטע צייכענער'ס פון אונטער זיין הערשאפט זיי זאלן קומען ווייזן זייער ארבעט, און ער וועט אויסוועלן דעם בעסטן פון זיי וואס ער וועט צייכענען די שענסטע בילד אויף דער וועלט. עס איז קלאר אז דער מאלער וואס וועט זוכה זיין צו די גלוסטיגע ארבעט וועט זיין דער וואס וועט ברענגען מיט זיך די שענסטע בילד. דער גרעסטער פאכמאן קען זיך נישט בארימען מיט זיינע טאלאנטן אויב ער קען עס נישט אויפווייזן.

אנדערשט איז הקדוש ברוך הוא; די שיינקייט און שטארקייט וואס האט זיך אנטפלעקט פאר די פליישיגע אויגן נאך די בריאה, האט ער שוין געהאט פון פריער, און וועט אויך בלייבן דערנאך וואס דער וועלט וועט חרוב ווערן. ער 'דארף' נישט צוקומען צו א באוויז וואס וועט צייגן זיין שיינקייט (סידור 'באר חיים', דף כו עמוד ב).

עס זענען וואס טייטשן אז דיווארט 'בתפארה' גייט ארויף נאר אויפן עתיד: "והוא יהיה", ד.מ.: יעצט איז די הנהגה פון ה' יתברך מיט אונז מיט א 'הסתר פנים', דאקעגן לעתיד לבוא וועט אנטפלעקט ווערן זיין מלכות מיט איר גאנצן שיינקייט ('הארת התפלה').

### ווער קען זיך צוגלייכן צו אים

אין די ווערטער 'וְהוּא אֶחָד וְאֵין שֵׁנִי לְהַמְשִׁיל לוֹ לְהַחְבִּירָה' - זאגן מיר עדות אז נישט נאר הקדוש ברוך הוא איז איינער אויף דער וועלט, נאר אויך: "אֵין שֵׁנִי לְהַמְשִׁיל לוֹ" - עס איז נישטא ווער עס קען זיך צוגלייכן צו אים, אפילו מיט איין זאך - אזוי ווי א 'משל' וואס אמאל איז עס איז ענליך צו די נמשל מיט נאר איין זאך. דאס זעלבע, עס איז נישטא וועמען צו באהעפטן צו אים [="להחבירה"] ווי א שותף, אפילו אויף א קליינע טייל פון זיינע גרויסע מעשים. ווייל ער אליין פירט אלעס אויף דער וועלט, פון די גאר קלענסטע איינצלהייטן ביז די גרעסטע געשעהענישן, ווייל "וְלוֹ הָעֹז" - ער האט א אומבאגרעניצטע שטארקייט, "וְהַמִּשְׂרָה" - צו אים אליין איז די הערשאפט און די געוועלטיגונג, סיי אין עולם הזה און סיי אין עולם הבא (סדור 'באר חיים' שם).

### ער האט נישט קיין אנפאנג און קיין ענדע

מיט די ווערטער: "בְּלִי רֵאשִׁית בְּלִי תַכְלִית", לויבן מיר הקב"ה אויף דעם וואס ער האט נישט קיין אנפאנג און נישט קיין ענדע. די לעבן פון א מלך בשר ודם האט א אנפאנג און א ענדע, און זיין קעניגרייך איז אויך נאר אויף א באגרעניצטע פלאץ. דעריבער אויב האט ער איינעם פאר'משפט אויף טויט, קען זיך יענער ראטעווען אויב ער וועט אנטלויפן צו א אנדערע לאנד וואס איז נישט אונטער די הערשאפט פון זיין קעניג. און אפילו אויב ער וועט איבערבלייבן אויף זיין פלאץ, אפשר וועט דער קעניג שטארבן בעפאר דער גזר דין וועט אויסגעפירט ווערן. אנדערשט איז הקדוש ברוך הוא; עס איז נישטא קיין באשטימטע צייט צו זיינע יארן, און געוועלטיגט אין אלע וועלטן און עס איז נישטא קיין וועג אנטלויפן פון אים, נאר זיך צוריק קערן צו אים ('עץ יוסף').

### משען ומבטח בכל עת

אין דער צווייטער טייל פון דער פיוט 'אדון עולם' לויבן מיר ה' אויף דעם, וואס טראץ זיין געוואלדיגע גרויסקייט וואס מיר האבן אינגאנצן נישט קיין באגריף אין דעם, פון דעסוועגן נעמט ער אן אונזערע תפילות ברחמים וברצון און אויף אים פארלאזן מיר זיך שטענדיג.

ביים זאגן: "וְהוּא אֵ-לִי וְחַי גֹּאֲלִי, וְצוּר חֶבְלִי בְּעֵת צָרָה" ברענגען מיר ארויס אז מיר פארלאזן זיך אויפן אייבערשטן אין יעדע מצב, סיי ווען: "וְחַי גֹּאֲלִי" - ווען מיר זענען אויסגעלייזט און עס איז אונז גוט, און סיי "בעת צרה", וואס דעמאלטס שטייט הקב"ה צו אונזער רעכטע זייט ווי א פעלזן-שטיין ["צור"] (סידור 'אור החמה').

די באדייט פון די ווערטער "חֶבְלִי" איז 'מיין טייל', אזוי ווי עס שטייט (דברים לב ט): "כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו". און אזוי טרעפן מיר אז דוד המלך האט אזוי געזאגט אין תהילים (טז ה): "ה' מנת חלקי וכוסי אתה תומיך גורלי", און דער רד"ק ערקלערט (שם): "איך האב נישט קיין אנדערע זאך אויסער אים, אזוי ווי די מענטשן וואס גאלד און זילבער און נאך פארשידענע תענוגים זענען זייער טייל, אבער איך - ה' איז מיין טייל..., ווייל אין אלע מיינע רייד און אלע מיינע געשעפטן איז ער מיין טייל און נאר פון אים טראכט איך". אבער עס זענען דא וואס טייטשן אז די ווארט 'חֶבְלִי' איז פון לשון צער און ווייטאג, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קטז ג): "אֲפָפוּנִי חֶבְלֵי מָוֶת וּמְצָרֵי שְׁאוֹל מְצָאוּנִי", אויב אזוי איז די ווארט פארבינדן צו די קומענדיגע ווערטער 'בעת צרה' (סדור 'עבודת ישראל').

### אין עוד מלבדו

נאך די מלחמה מיט עמלק שטייט (שמות יז טו): "ויבן משה מזבח ויקרא שמו ה' נסי". טייטש רש"י: "ה' נסי" - "הקדוש ברוך הוא עשה לנו כאן נס גדול". אבער אין מדרש שכל טוב (שם) שטייט: "פשוט פשט זעט מיר אויס אזו צו זאגן: ה' איז מיין פאן". ענליך צו דעם קריגן זיך די מפרשים אין די ערקלערונג פון די ווערטער "והוא נסי"; עס זענען דא וואס טייטשן: ער איז מיין פאן - צו אים בין איך באהאפטן און צו אים קוק איך ארויף ('ענף יוסף', הובא בסידור 'אוצר התפילות'). און עס זענען דא וואס טייטשן: ער טוט מיר שטענדיג נסים ('עולת תמיד' פ"ג).

ווייל הקדוש ברוך הוא איז "נסי", ממילא איז ער "מנוס לי" - צו אים לויף איך אויב עס קומט צו מיר חלילה עפעס א צרה. און ער איז מיין גורל און מיין טייל ווען איך רוף און איך דאוון צו אים. אויך יעדע נאכט ווען איך גיי שלאפן "בידו אפקיד רוחי", און באלד ווען איך וועק זיך אויף פון מיין שלאף געבט ער מיר עס אפ אן קיין אפהאלט. "ועם רוחי גויתי" - אויך ווען מיין גייסט געפונט זיך אין מיין קערפער, ווייס איך אז "ה' לי" - איך קען נישט טון א זאך אויב דער פון אויבן האט נישט אזוי באפוילן. ווייל השי"ת פירט מיך אין אלע מיינע וועגן, דעריבער "לא אירא" פון א צווייטן ('עולת תמיד' שם).

**וְהוּא הָיָה** אין די פארגאנגענהייט **וְהוּא הֹוֶה וְהוּא יִהְיֶה** לעתיד לבא, און אייביג איז ער **בְּתִפְאָרָה**. **וְהוּא אֶחָד וְאֵין שֵׁנִי** מ'זאל קענען **לְהַמְשִׁיל לוֹ** פארגלייכן צו אים, אדער **לְהַחְבִּירָה** - ער זאל זיין צו אים ווי א חבר. **בְּלִי רֵאשִׁית בְּלִי תַכְלִית** - ער האט נישט קיין אנפאנג און נישט קיין ענדע **ולו העוז** - די שטארקייט **והמשרה** - און די הערשאפט. **וְהוּא אֵ-לִי וְחַי גֹּאֲלִי** - און ער איז מיין גאט וואס לעבט אויף אייביג **וְצוּר** - און דער שטארקער וואס איז מיין טייל, מיך צו העלפן פון **חֶבְלִי** ד.מ. צער וואס רינגלט מיר ארום **בְּעֵת צָרָה**. **וְהוּא נִסִּי** - ער טוט מיר ניסים **וּמָנוֹס לִי** - צו אים אנטלויף איך **מְנָת כּוֹסִי** - און ער וועט שטיין צו מיין טייל **בְּיוֹם אֶקְרָא** און איך וועל דאווענען צו אים. **בְּיָדוֹ אַפְקִיד רוּחִי בְּעֵת אִישַׁן**, און ער געבט מיר עס צוריק **וְאָעִירָה** - ווען איך שטיי אויף פון מיין שלאף. און אויך ווען איך בין אויף **וְעִם רוּחִי גְּוִיָּתִי** - און מיין גייסט געפונט זיך אין מיין קערפער, **ה' לִי** - וואס פירט מיך, און וועגן דעם **וְלֹא אִירָא**.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## אפוינטמענט אנשטאט אפוינטמענט

'טררררר טררררר' - די נערווינדע קלינג פון ר' יקותיאל'ס אלטמאדישער סעלפאון, א באקאנטער ראש כולל אין איינע פון די שטעטלעך, האט מיטאמאל געשטערט זיין קורצע דרימל אין די מיטאג שעה'ן. ער האט זיך געאיילט זען ווער קלינגט אין די צייט, און די לאנגע צאל נומערן האבן אים דערציילט אז דער טעלעפאון איז פון אויסלאנד, א טעלעפאון וואס שטענדיג ברענגט עס מיט זיך א שטריק פון האפענונג אין די הערצער פון ראשי הכולל און די מנהלים פון מוסדות. ר' יקותיאל האט זיך געאיילט צו ענטפערן.

"שלום ר' יקותיאל" - דער אמעריקאנער שווערער אקצענט האט זיך דערקענט אין די שטימע פון די אנדערע זייט, "דא רעדט ישראל, דער גבאי של ר' שלמה פון שיקאגא. פאר עטליכע חדשים האט איר געשיקט א בקשה. מיר האבן נאכגעפרעגט אויף אייך און מיר האבן באקומען גוטע און ווארימע גריסן, איך גרייט צו פאר אייך א אפוינטמענט ביי ר' שלמה אין זיין אפיס, דעם קומענדיגן מיטוואך, זעקס אזייגער ביינאכט, שרייבט אויף די אדרעס: שיקאגא, גאלדן טאווערס, 64'סטע שטאק, צימער נומער 436. אלעס גוט'ס און אסאך הצלחה".

די שמועס האט זיך געענדיגט, און ר' יקותיאל האט נישט געקענט איינהאלטן זיין התרגשות. דער ר' שלמה איז באקאנט אלץ איינער פון די גרויסע שטיצער'ס פון תורה אין אונזער דור, א געלונגענע באזוך ביי אים קען צוברענגען ער זאל וועלן געבן אין לויף פון די קומענדיגע יארן יעדן חודש א באשטימטע מכובד'יגע סומע. די וואס ווייסן זאגן אז עס לוינט זיך פארן פון ארץ ישראל ספעציעל צו אים. חדשים האט ער געווארט אויף דעם און אט איז אנגעקומען דער מינוט.

ר' יקותיאל האט זיך געאיילט זיך פארבינדן מיט א טרוועל אגענט. "איך דארף אנקומען אין שיקאגא דעם קומענדיגן מיטוואך" - האט ר' יקותיאל געזאגט טרוקענערהייט פארן טרעוול אגענט. דער טרעוול אגענט טראגט אים אן עטליכע אפציעס, ער האט איבער געטראכט די אלע מעגליכקייטן און אין ענדע האט ער באשלאסן אויף איינס פון זיי - פליען מיט א 'אל-על' עראפלאן פון תל אביב דינסטאג ביינאכט, לאנדן אין די פארטאג'ס שעה'ן אין פאריז, ווארטן ארום פיר שעה אין פאריז, און פארזעצן די וועג מיט א 'אייר-פראנס' פליגער קיין שיקאגא.

אין די צייט וואס ר' יקותיאל וועט דארף ווארטן אין פאריז אויף די קאנעקשן-פליגער האט ער פלאנירט צו כאפן 'א שפרינג' צו א שול וואס איז נאנט צו די לופט-פעלד, דארט וועט דאווענען שחרית און באלד נאכדעם פארזעצן זיין וועג קיין שיקאגא.

די וועג פון ארץ ישראל איז אריבער זייער גוט. די פליגער האט געלאנדעט בשלום און ר' יקותיאל האט זיך געאיילט פארלאזן די לופט-פעלד ווי געפלאנט. אבער פאקטיש האבן די פלענער זיך געטוישט; עס האט געדויערט צייט ביז ער האט געטראפן די שול, און נאכן אנקומען דארטן, איז ער געוואר געווארן אז ערשט א האלבע שעה ארום הייבט מען אן דאווענען, און ר' יקותיאל איז געצווינגען געווען צו ווארטן. זיין צייט איז געווען זייער באגרעניצט, אבער ער האט געהאפט אז די דאווענען וועט זיך גאנץ שנעל ענדיגן און אזוי וועט ער אניאגן כאפן דעם פליגער. אבער אויך ווען די באשטימטע צייט פון דאווענען איז שוין אנגעקומען, האט נאך גענומען צייט ביז דער מנין האט זיך צוזאם גענומען, און ווען דער מנין איז שוין געווען, איז צוגעגאנגען דער שליח ציבור וואס עס זעט אויס אז אין גאנץ פראנקרייך איז נישטא קיין שטאטערער שליח ציבור פון אים...

א ערנסטע מלחמה איז פארגעקומען אין די הארץ פון ר' יקותיאל. אין איין זייט פון די וואג-שאל איז געשטאנען די פליגער פון די 'אייר-פראנס' קאמפאני, וואס ווארעמט שוין די מאטאר אויפן וועג זיך צו הייבן און דארף אנקומען צו א 'פעטע' טשעק פון א גרויסע סומע דאללארן... און אויף די אנדערע זייט פון די וואג-שאל איז געשטאנען א באשיידענער שול, אינעווייניג א מנין מתפללים וואס האבן קוים אנגעהויבן דאווענען, און צווישן זיי ר' יקותיאל וואס געדענקט נישט ווען, אויב ס'איז געווען אזאנ'ס, אז ער זאל נישט דאווענען מיט מנין.

די ווייזער'ס פון די זייגער האבן געקלאפט און זיך געלאזט הערן, און די מלחמה איז נאך אלץ געווען אין זיין הארץ. צום ענדע איז די שלאכט געשלאסן דורך ר' יקותיאל ווען ער האט באשלאסן אז ער גייט נישט דערלייגן די זכות פון דאווענען מיט מנין אויך יעצט. ביים באשליסן האט ער פרובירט זיך איינרעדן אפשר האט די פליגער געשפעטיגט, אבער עס איז געווען א פאלטשע איינרעדעניש...

ווען מ'האט ענדליך געענדיגט דאווענען. האט ר' יקותיאל געכאפט זיין רענצעל און זיך געאיילט אפשטעלן א טעקסי זאל אים פירן צו די לופט-פעלד. ער האט זיך געבעטן ביים באאמטער זאל אים ערמעגליכן אריבערלאזן פריער פון די וואס שטייען פאר אים און אים שוין אננעמען, ווייל ער מוז אין די יעצטיגע מינוט כאפן די פליגער וואס פארט שוין יעצט ארויס קיין שיקאגא. אבער דער באאמטער האט געצויגן מיט זיינע פלייצעס און האט געוויזן אויף דעם גרויסן פענסטער וואס איז געווען אונטער אים. "אנטשולדיג, דיין פליגער הייבט זיך שוין יעצט, אזוי אז דו האסט זיך נישט ווי צו יאגן..." - האט ער געזאגט טרוקענערהייט, און דער הארץ פון ר' יקותיאל האט שיער נישט געפלאצט. ער האט געהאפט אז דער זכות פון דאווענען בציבור וועט אים ביישטיין ער זאל נישט דערלייגן די אפוינטמענט, אבער פון הימל האט מען אנדערשט געוואלט...

'איך האב דערלייגט די פליגער - דאס מיינט אז איך האב דערלייגט די אפוינטמענט' - האט ער געטראכט צו זיך צובראכענערהייט. ער האט נישט געהאט קיין אלטערנאטיוו נאר קויפן א נייע טיקעט אין א פליגער וואס פארט צוריק קיין ארץ ישראל און איז אראפ געפאלן אפגעשוואכטערהייט אויף א באנק. ווי שטארק האט ער געווארט אויף די אפוינטמענט, און מיט א קלייניקייט האט ער עס שאדן געהאט.

פון דעסוועגן, אין הארץ האט ער זיך זייער געפריידט אז ער איז בייגעשטאנען דעם גרויסן נסיון און האט געדאוונט מיט מנין, און האט געהאפט צום גוטן.

ער האט געהאט אסאך צייט ביז די פליגער קיין ארץ ישראל האט געדארפט ארויספארן, האט ער באשלאסן צוריק גיין צו די שול וואס ער האט נארוואס פארלאזט, כדי זיך צו טובלען אין מקוה אזוי ווי זיין מנהג יעדן טאג, און אויסנוצן די איבעריגע צייט אויף לערנען.

ר' יקותיאל האט אוועקגעלייגט זיין רענצל ביי די אריינגאנג פון שול, און איז אריין אין די דערנעבנדיגן קאך אנגרייטן פאר זיך א ווארעמע גלעזל טרונקען. ביים אריינגאנג פון די צימער איז געשטאנען א טיש וואס אויף דעם זענען געווען די טלית בייטלעך פון די וואס האבן געדאוונט יענע צייט אין שול. ר' יקותיאל האט געגעבן א שנעלע בליק אויף די נעמען וואס זענען געווען ארויפגעוועבט אויף די טלית בייטלעך, און צו זיין איבערראשונג האט ער געזען צווישן זיי א באקאנטער נאמען; אויף איין בייטל איז געווען אויפגעשריבן דער נאמען פון ר' שמאי, פון די גרויסע בעלי צדקה אויף תורה'דיגע צוועקן אין אונזער דור.

אינצווישן האט מען אין שול געענדיגט צו דאווענען און די מתפללים זענען ארויס פון שול. ר' יצחק האט געווארט אויף דער מינוט, און ווען ער האט באמערקט א עלטערער איד, מיט א שיינעם געשטאלט, וואס שטרעקט אויס זיין האנט נעמען דעם טלית בייטל, האט ער זיך געוואנדן צו אים און געוואלט כאפן א שמועס מיט אים. צו זיין איבערראשונג האט זיך ארויסגעוויזן אז ר' שמאי איז א געשמאקער מענטש צו פארברענגען מיט אים.

אזוי, אן א פארמיטלונג פון א גבאי אדער א סעקרעטאר האט ר' יקותיאל געהאט א פערזענליכע באגעגעניש מיט ר' שמאי. אזאך וואס אסאך חשובע מענטשן ווארטן דערויף. ר' שמאי האט מיט געדולד זיך אינטערעסירט אין יעדן פרט, און דערנאך ארויסגענומען א טשעק-ביכל פון טאש, און געשריבן א סומע, אפגעריסן דעם טשעק און עס איבערגעגעבן פאר ר' יקותיאל ווען ער דערציילט אים:

"היינט דארף איך זיין דער 'סנדק' ביי דעם ברית פון מיין אייניקל. איך האב געזוכט צו שענקען א ספעציעלע מתנה פארן ניי געבוירן קינד און פון הימל האט מען מיר צוגעשיקט א מקום-תורה וואס איז צו מיין הארץ וואו דארט וועל איך קענען שענקען א שיינע סומע צו די הצלחה פון דעם ניי געבוירן קינד".

די צוויי האבן זיך געזעגנט, און נאר דעמאלטס האט ר' יקותיאל געגעבן א בליק אויף די טשעק וואס ער האט געהאלטן אין זיין האנט און האט כמעט פארלוירן זיין אטעם: אויף די טשעק איז געווען אויפגעשריבן א ריזן סומע, אסאך מער פון די סומע וואס ער האט געהאט פאנטאזירט צו באקומען אין שיקאגאו. דאס איז געווען פאר אים א צייכן פון הימל; אין דער פלאץ וואו ער האט זיך מוסר נפש געווען אויף דאווענען מיט מנין, האט ער זוכה געווען צו א זעלטענע סייעתא דשמיא.

אויב דאס איז נישט גענוג געווען, ווען ער האט זיך צוריק געקערט קיין ארץ ישראל, איז ער איבערראשט געווארן צו הערן א איבערראשנדע מעסעדזש אין סעלפאון: די שטימע פון ר' שלמה'ס סעקרעטאר פון שיקאגא הערט זיך ווי ער אנטשולדיגט זיך: "אנטשולדיגט, אבער ר' שלמה וועט דיך נישט קענען טרעפן די וואך. פלאג דיך נישט צו קומען אהער, מיר וועלן דיר שיקן דעם צוגעזאגטן טשעק אין די פאסט...".

געהערט פון רבי צבי נקר, 'פניני פרשת השבוע' 172

עיצובים shay